נומער 21.1

ע ק ז ע ק י ו ט י ו   ב א פ ע ל

**פארצוזעצן די דעקלעראציע פון א גאנץ-סטעיט'יגע דיזעסטער עמערדזשענסי צוליב די אנגייענדע פארשפרייטונג פון פאליא אין סטעיט ניו יארק**

**ווייבאלד,** א פאל פון פאראליזירנדע פּאָליאָ איז אידענטיפיצירט געווארן אום יולי 21, 2022, אין אן אומוואקסינירטע איינוואוינער פון ראקלענד קאונטי וואס האט נישט געמאכט קיין שום אינטערנאציאנאלע רייזע דורכאויס די אינקובאציע צייט אפשניט פאר פּאָליאָ;

**ווייבאלד,** דער פאליא-ווירוס וואס האט זיך אנגעשטעקט אין דעם ראקלענד קאונטי פערזאן איז אידענטיפיצירט געווארן אלס א פאל פון וואקסין-ארויסגעקריגענע פאליא-ווירוס, דער לעצטער פון וועלכער עס איז אידענטיפיצירט געווארן אין ניו יארק אין 1990;

**ווייבאלד,** גענעטיש-פארבינדענע פאליא-ווירוסן זענען געפונען געווארן אין מיסט-וואסער פראבקעס געזאמלט אין אראנדזש, ראקלענד און סוליוואן קאונטיס אין אפריל, מאי, יוני, יולי, אויגוסט און סעפטעמבער 2022;

**ווייבאלד,** פאליא איז דערקלערט געווארן עלימינירט אין די פאראייניגטע שטאטן אין 1979, הויפטזעכליך צוליב די הויכע וואקסינאציע ראטעס קעגן פאליא;

**ווייבאלד,** געווענליכע וואקסינאציע ראטעס קעגן פאליא איבער מענטשן פון יעדן עלטער זענען געפאלן במשך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע און וואקסין צוריקגעהאלטנקייט האט זיך געהעכערט;

**ווייבאלד,** וואקסינאציע ראטעס קעגן פאליא צווישן 2-יעריגע קינדער אין ניו יארק איז 79 פראצענט, און איז באדייטנד ווייניגער ווי אין עטליכע קאונטיס און זיפּ קאודס;

**ווייבאלד,** ארטיגע העלט דעפארטמענטס טוען זיך אקטיוו אפרופן צו דעם פאליא-ווירוס אויסברוך דורך אויספארשונג שטיצע, קאנטאקט אידענטיפיקאציע און באאבאכטונג, וואקסין אויסטיילונג פאר אויסגעשטעלטע קאנטאקטס און פאקוסירט אויף איצטיגע הויכע-ריזיקע טיילן פון דער באפעלקערונג, און בילדונג און ארויסזוך-באמיאונגען;

**ווייבאלד,** די סטעיט רעגירונג מוז שטיצן די מוניציפאליטעטן, ארטיגע אינסטאנצן און קאונטיס אין זייערע באמיאונגען צו פארמיטלען און אויסטיילן וואקסינאציעס און טעסטס פאר פאליא-ווירוס, און צו פארמיידן דער קרענק פון זיך ווייטער פארשפרייטן;

**אצינד, דעריבער,** טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער קאנסטיטוציע און די געזעצן פון דער סטעיט ניו יארק, איצט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסיס ווי פארגעלייגט אין עקזעקיוטיוו באפעל 21, און זעץ פאר אצינד ווייטער די טערמינען, באדינגונגען, און סוספענדירונגען אנטהאלטן דערינען ביז אקטאבער 8, 2022; און

**ווייטער,** דורך דער אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיר דורך טייל 29-a פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ אויף צייטווייליג אפצושטעלן אדער ענדערן סיי וועלכע שטאטוט, ארטיגע געזעץ, פאראררדענונג, תקנה, אדער רעגולאציע, אדער אפטיילונגען דערפון, פון סיי וועלכע אגענטור במשך א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, אויב אויספאלגן אזא שטאטוט, ארטיגע געזעץ, פאראררדענונג, תקנה, אדער רעגולאציע וועט אפהאלטן, שטערן אדער פארזוימען די שריטן נייטיג אויף זיך צו ספראווען מיט דער דיזעסטער עמערדזשענסי אדער אויב נייטיג אויף צו העלפן זיך דורכקומען מיט אזא דיזעסטער, טו איך אצינד צייטווייליג סוספענדירן אדער ענדערן פאר דעם צייט אפשניט פון דעם דאטום אויף דעם דאזיגן עקזעקיוטיוו באפעל ביז נאוועמבער 8, 2022, דאס פאלגענדע:

- די צייטווייליגע ענדערונג פון אפטיילונג 6 און 7 פון טייל 3001 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, אפטיילונגען (o) און (p) פון טייל 800.3, און טייל 800.15 פון טיטל 10 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 21, אויף ווי ווייט אזא ענדערונג וועט ערלויבן פאר סערטיפייד עמערדזשענסי מעדיצינישע טעכניקער-פאראמעדיקס און גאר באהאוונטע EMS פארזארגער, צו געבן פאר קאמיוניטי פארא-מעדיצינישע סערוויסעס מיט פריערדיגע באשטעטיגונג פון דעם העלט דעפארטמענט אויף צו געבן וואקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס, איז ווייטער געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערלויבן פאר סערטיפייד עמערדזשענסי מעדיצינישע טעכניקער-פאראמעדיקס און גאר באהאוונטע EMS פארזארגער צו אויך אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס וואס אנטהאלט טעטענוס, פערטוסיס (וואופינג הוסטן), העפעטייטיס B און Hib וואקסינען;

- די צייטווייליגע ענדערונג פון טייל 6951 פון דעם עדיוקעשען געזעץ, און טייל 79-5.5 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 21, אויף ווי ווייט אזא ענדערונג ערלויבט פאר הייבאמען צו אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס צו סיי וועלכע פאציענט לויט א נישט-פאציענט-ספעציפישע באפעל אונטער די מעדיצינישע אויפזיכט פון געלייסענס'טע דאקטוירים, געלייסענס'טע דאקטער געהילפן אדער סערטיפייד נורס פראקטיצירער, איז ווייטער געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערלויבן פאר הייבאמען צו אויך אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס וואס אנטהאלט דיפטעריע, טעטענוס, פערטוסיס, העפעטייטעס B און Hib וואקסינען;

- די צייטווייליגע ענדערונג פון אפטייל 2 פון טייל 6801 פון דעם עדיוקעשען געזעץ און 63.9 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 21, אויף אזוי ווייט ווי אזעלכע ענדערונגען האבן ערלויבט פאר פארמאסיסטן צו געבן וואקסיאציעס קעגן פאליא-ווירוס אין איינקלאנג מיט א נישט-פאציענט ספעציפישע באפעל, ווערט געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערמעגליכן פאר פארמאסיסטן צו אויך געבן וואקסיאציעס קעגן פאליא-ווירוס אין איינקלאנג מיט א פאציענט ספעציפישע באפעל און אויך אויף ווי ווייט נויטיג צו ערלויבן פארמאסיסט צו אויך געבן ערלויבעניש וואַקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס וואס אנטהאלט טעטענוס, פערטוסיס, העפעטייטעס B און Hib וואקסינען איינשטימיג מיט א נישט-פאציענט ספעציפישע און א פאציענט-ספעציפישע באפעל; און

- די צייטווייליגע ענדערונג פון אפטיילונג 6 פון טייל 6527 פון דעם עדיוקעשען געזעץ, אפטיילונג 4 פון טייל 6909 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, און טייל 64.7 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 21, אויף ווי ווייט אזא ענדערונג האט געגעבן ערלויבעניש פאר דאקטוירים און סערטיפייד נורס פראקטיצירער ארויסצוגעבן א נישט-פאציענט ספעציפישע רעזשים צו מענטשן געגעבן ערלויבעניש דורכ'ן געזעץ אדער דורך דעם עקזעקיוטיוו באפעל צו אדמיניסטרירן וואקסיאציעס קעגן פאליא-ווירוס, ווערט געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערמעגליכן פאר דאקטוירים און סערטיפייד נורס פראקטיצירער אויך ארויסצוגעבן נישט-פאציענט-ספעציפישע רעזשים צו אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן פאליא-ווירוס וואס אנטהאלט דיפטעריע, טעטענוס, פערטוסיס, העפעטייטעס B און Hib וואקסין, און אויך ארויסצוגעבן פאציענט-ספעציפישע באפעלן צו גע'לייסענס'טע פארמאסיסטן פאר'ן אדמיניסטרירן אימוניזאציעס אויף צו פארמיידן פאליא-ווירוס אריינגערעכנט וואקסינאציעס וועלכע אנטהאלטן דיפטעריע, טעטענוס, פערטוסיס, העפעטייטעס B און Hib וואקסין.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם עמטליכן זיגל פון דעם סטעיט אין שטאט אלבאני, אום נײנטן טאג אין אקטאבער אין דעם יאר צוויי טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער